בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת דברים תש"פ | שבת חזון | גליון 561 [שנה י"ב]

**ווי אזוי האט משה מוכיח געווען כלל ישראל**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף: (א א) זאגט רש"י לְפִי שֶׁהֵן דִּבְרֵי תוֹכָחוֹת, וּמָנָה כַּאן כָּל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁהִכְעִיסוּ לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּהֶן, לְפִיכָךְ סָתַם אֶת הַדְּבָרִים וְהִזְכִּירָם בְּרֶמֶז, מִפְּנֵי כְּבוֹדָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל: שטייט אין רש"י אַלץ כבוד פון כלל ישראל האט משה נאר מרמז געווען וואו זיי האבן געזינדיגט, אבער ער האט זיי נישט מוכיח געווען בפרהסיא, איז לכאורה שווער אז מען זעהט ווייטער: וּבְחֹרֵב הִקְצַפְתֶּם אֶת ה' (ט ח) און אויך מַמְרִים הֱיִיתֶם עִם ה' מִיּוֹם דַּעְתִּי אֶתְכֶם: (ט כד) וואס דארט האט ער יא מוכיח געווען די אידן אפענערהייט? נאר עס שטייט הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת־עֲמִיתֶךָ אבער וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא: אוודאי האט משה רבינו זיי געדארפט מוכיח זיין, אבער מען טאר נישט אויפהויבן דער חטא, כדי דער קיטרוג זאל נישט זיין גרויס, דעריבער האט משה רבינו פריערט ממליץ טוב געווען אויף כלל ישראל און אויסגערעכנט אלע פלעצער ברמז וואו זיי האבן געזינדיגט, און עס שטייט אין חז"ל, אז יעדע פלאץ וואו כלל ישראל האט געזינדיגט, איז נישט געווען זייער שולד, ווייל עס זענען דא וואסערן אין פלעצער, וואס אויב מען טרינקט דאס, איז דאס גורם צו זינדיגן, אזוי ווי די וואסער פון שיטים האט געברענגט אידן צו זינדיגן, און אויך אין די מדבר איז געווען פול מיט קליפות נחש, שרף ועקרב, וואס האבן גורם געווען צו חֵטְא, ממילא האט זיי משה מוכיח געווען, אבער וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא, ווייל כלל ישראל זענען הייליג מצד עצמם, און ווילן נאר טאן מצוות און מעשים טובים, האט משה רבינו ממליץ טוב געווען, און נאכדעם וואס משה רבינו האט ממליץ טוב געווען אויף זיי, האט ער שוין געקענט מוכיח זיין אפענערהייט ביי חֹרֵב און מַמְרִים הֱיִיתֶם, ווייל מען איז מחוייב צו מוכיח זיין. (דברי צדיקים הגה"ק ר' בעריש מאושפצין)

**די קשר דא צו בנות צלפחד**

וְהַדָּבָר אֲשֶׁר יִקְשֶׁה מִכֶּם תַּקְרִבוּן אֵלַי וּשְׁמַעְתִּיו: (א יז) זאגט רש"י פון גמ' (סנהדרין ח ע"א) אז ווייל משה רבינו האט געזאגט אז יעדע שווערע שאלה, תַּקְרִבוּן אֵלַי, זאלן זיי ברענגען צו אים, און ער האט נישט געזאגט "תַּקְרִבוּן לִפְנֵי הַשְּׁכִינָה" האט מען אים געשטראפט אז משה האט נישט געוואוסט ווי צו פסקענען ביי די בְּנוֹת צְלָפְחָד –עַל דָּבָר זֶה נִסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ מִשְׁפַּט בְּנוֹת צְלָפְחָד- און דארט שטייט וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת מִשְׁפָּטָן לִפְנֵי ה': (במדבר כז ה), פרעגט דער הייליגער שפת אמת פון גור זצוק"ל, ווי איז דאס מעגלאך אויף משה רבינו וואס איז געווען דער עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה: און דער שכינה האט גערעדט מתוך גרונו, זאל חלילה זיך גרויסהאלטן און זאגן וְהַדָּבָר אֲשֶׁר יִקְשֶׁה מִכֶּם "תַּקְרִבוּן אֵלַי"? און ער ענטפערט כדי ממליץ זיין אויף משה רבינו, ווייל ווען די בְּנוֹת צְלָפְחָד זענען געקומען צו משה, האבן זיי געזאגט אָבִינוּ מֵת בַּמִּדְבָּר וְהוּא לֹא הָיָה בְּתוֹךְ הָעֵדָה הַנּוֹעָדִים עַל ה' בַּעֲדַת קֹרַח, האט משה געשפירט אז די ווערטער מאכט אים א נוגע בדבר, דעריבער האט ער נישט געוואוסט ווי אזוי ער זאל דא פסקענען, כדי ער זאל נישט זיין א נוגע בדבר, דעריבער האט ער זיי געמוזט שיקן צום אויבערשטן, און דאס האט משה געמיינט: וְהַדָּבָר אֲשֶׁר יִקְשֶׁה מִכֶּם, אויב א שאלה וועט זיין שווער פאר אייך, ווייל איר וועט מורא האבן אז איר זענט א נוגע בדבר, דעמאלטס תַּקְרִבוּן אֵלַי וּשְׁמַעְתִּיו, קומט אויס אז סיי דא און סיי ביי בְּנוֹת צְלָפְחָד האט זיך משה געפירט מיט ענוה. איי פארוואס איז געווען א עונש פאר משה? ווייל אפילו משה האט דאס געמיינט מיט עניוות, אבער דער "תַּקְרִבוּן אֵלַי", איז געווען א חסרון, און וועגן דעם איז געווען זיין עונש א קליינעם, מדה כנגד מדה, אז ביי בְּנוֹת צְלָפְחָד האט ער דאס מתקן געווען און דעריבער שטייט וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת מִשְׁפָּטָן "לִפְנֵי ה'". (שפת אמת גור)

**דרוש: דער חילוק פון ויאמר ה' און וידבר ה'**

וַיְהִי כַאֲשֶׁר־תַּמּוּ כָּל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה לָמוּת מִקֶּרֶב הָעָם: וַיְדַבֵּר ה' אֵלַי לֵאמֹר: אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר: (ב טז–יח) וַיְהִי כַּאֲשֶׁר תַּמּוּ וְגוֹ' וַיְדַבֵּר ה' אֵלַי וְגוֹ'. אֲבָל מִשִּׁלּוּחַ הַמְרַגְּלִים עַד כַּאן לֹא נֶאֱמַר בְּפָרָ' זוֹ "וַיְדַבֵּר" אֶלָּא "וַיֹּאמֶר", לְלַמֶּדְךָ שֶׁכָּל ל"ח שָׁנָה שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל נְזוּפִים, לֹא נִתְיַחֵד עִמּוֹ הַדִּבּוּר בִּלְשׁוֹן חִבָּה פָּנִים אֶל פָּנִים וְיִשּׁוּב הַדַּעַת, לְלַמֶּדְךָ שֶׁאֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עַל הַנְּבִיאִים אֶלָּא בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, שטייט אין גמ' (תענית דף ל ע"ב) עד שֶׁלֹּא כָלוּ מֵתֵי מִדְבָּר לא היה דבור עם משה שנאמר (דברים ב טז) וַיְהִי כַּאֲשֶׁר תַּמּוּ וגו'. שטייט וַיְדַבֵּר ה' אֵלַי, אֵלַי היה הדבור: דער שפתי חכמים ברענגט פון מהרי"ק וואס פרעגט אויף רש"י, אז מיר טרעפן פלעצער אז דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה בלשון וַיְדַבֵּר? און ער ענטפערט אז וַיְדַבֵּר איז געווען, אבער וַיְדַבֵּר "אֵלַי" שטייט נישט, און דער "אֵלַי" איז א לשון חיבה. דער שפתי חכמים פרעגט אז עס שטייט ביי מרים אין פ' בהעלותך אז וַיְדַבֵּר איז נישט א לשון חיבה, נאר אדרבה א שטרענגער לשון? און ער ענטפערט אז ווען עס שטייט אויך וַיְדַבֵּר ה', וואס ה' איז א לשון חיבה. לויט דעם מוז מען זאגן אז ויאמר ה' מוז נישט זיין אז דער אויבערשטער האט אליין גערעדט, נאר עס קען מיינען דורך א שליח, ממילא ויאמר ה' מוז נישט זיין א לשון חיבה, משא"כ וַיְדַבֵּר ה', איז פשט דער אויבערשטער אליין האט גערעדט, און ווען עס שטייט ה', איז דער דיבור לשון חיבה, און ביי מרים שטייט וַיְדַבֵּר אָן ה', איז דאס לשון קשה. (שפתי חכמים)

יעצט זעהט מען אין פ' מסעי שטייט וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים אַחַר תֵּאָסֵף אֶל־עַמֶּיךָ: (במדבר לא א–ב) שטייט דא אויך וַיְדַבֵּר ה' און לויט פריערט איז דאס א לשון חיבה, דארף מען פארשטיין וואס איז די חיבה דארטן? נאר עס שטייט אין ספרים וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־תַּמּוּ וגו' וַיְדַבֵּר ה' אֵלַי לֵאמֹר אז דער אויבערשטער האט געוואלט לאזן וויסן פאר משה רבינו אז די צייט דערנענטערט זיך וואס די אידן דארפן אריינגיין אין א"י כדי משה רבינו זאל מתפלל זיין, אפי' משה רבינו איז נגזר געווארן אז ער זאל נישט אריינגיין קיין א"י, אבער הקב"ה מתאוה לתפילתן של צדיקים, און דא מיינט דאס: דא איז געווען נִתְיַחֵד עִמּוֹ הַדִּבּוּר בִּלְשׁוֹן חִבָּה פָּנִים אֶל פָּנִים וְיִשּׁוּב הַדַּעַת, לפי"ז איז גוט וואס שטייט אין פ' מסעי ביי די ענין פון נִקְמַת הַמִּדְיָנִים וואס דארטן שטייט אויך אז דער אויבערשטער האט געזען אז אפילו משה'ס שטארבן ווענדט זיך אין נִקְמַת הַמִּדְיָנִים, ווייל נאכדעם וועלן די אידן אריינגיין אין א"י, קומט אויס אז דארט האט אויך דער רבש"ע מרמז געווען בלשון חיבה אז עס איז געקומען די צייט אז משה זאל מתפלל זיין אריינגיין אין א"י ווייל דער אויבערשטער גלוסט צו די תפילות פון צדיקים. (שמח זבולון תש"פ)

# מדור העובדות

## *****דער הייליגער צאנזער רב ראטאוועט א איד'ס קרעטשמע בדרך פלא*****

איין טאג איז אנגעקומען א פרוי פון רוסלאנד צום הייליגן צאנזער רב, זי האט געגעבן א קוויטל און א שיינעם פדיון און האט זיך אויסגערעדט איר הארץ אז זיי האבן א קרעטשמע ביי זיי אין דארף שוין אסאך יארן און זיי האבן שיין פרנסה פון דעם, אבער די לעצטע פאר חדשים האט דער גראף פון שטאט באקומען א שנאה פלוצלונג צו די אידן, און ער וויל צונעמען פון זיי די קרעטשמע און יעצט קענען זיי חלילה בלייבן אן פרנסה, און זי נעמט זיך וויינען אז זיי האלטן אוים זייערע קינדער צו לערנען! האט דער צאנזער רב איר אנגעוואונטשן אז דער אויבערשטער וועט איר העלפן, אבער די פרוי האט זיך נישט געלאזט און געזאגט זי איז געקומען צו פארן אזא לאנגע נסיעה און אויך געגעבן א שיינעם פדיון און זי וויל נישט נאר א ברכה! אבער דער רבי זאגט איר: איך האב דיר שוין געגעבן א ברכה!

די פרוי איז געבליבן אין צאנז, און יעדן טאג איז זי אריין צום צאנזער רב, און אים געבעטן אז זי דארף א ישועה, דאס מאל איז געווען א עת רצון און דער צאנזער רב האט איר געענטפערט אז זי זאל פארן אין א דערנעבענדיגע דארף קראטשינקא, און דארטן האט ער א נאנטן ידיד וואס הייסט ר' שמעון יואב און ער וועט דיר העלפן! די פרוי פארשטייט וואס דער רב זאגט איר, אבער זי האט געזאגט אז זי וועט קומען צו ר' שמעון יואב וועט ער מיר נישט גלויבן! איך וויל אז דער רב זאל אפשרייבן א בריוו צו אים, דער רב האט נישט געהאט קיין ברירה און האט אנגעשריבן א בריוו צו ר' שמעון יואב אז ער זאל העלפן די פרוי צו קענען ווייטער אנהאלטן זייער קרעטשמע.

די פרוי דאנקט דעם צאנזער רב און פארט אהין קיין קראטשינקא צו ר' שמעון יואב און זי גיט אים די בריוו, און ווען ער ליינט דאס איבער און איבער, פארשטייט ער נישט ווי אזוי קען ער העלפן די פרוי, אין דער צייט וואס ער האט קיינמאל נישט געהערט פון די דארף אין רוסלאנד און ער האט זיכער נישט קיין פארבינדונגען מיטן גראף און משפיע זיין אויף אים! אבער ר' שמעון יואב טראכט ביי זיך אויב דער רבי האט אים געשיקט דעם בריוו מוז דאך זיכער זיין אז איך וועל איר קענען העלפן, און ער זאגט די פרוי אז זי זאל בלייבן דארט א פאר טעג און ער וועט איר זען צו העלפן, און זי האט מסכים געווען.

ר' שמעון יואב האט פארמאגט א שענק דארטן אין קראטשינקא אסאך יארן, אבער לעצטנ'ס האט זיך א גוי, זיין שכן, מחליט געווען אז ער גייט אויך עפענען א שענק, און אזוי האט ער אונטערגעהאקט די פרנסה פון ר' שמעון יואב. אויף צו מארגענ'ס וואס די פרוי איז געקומען צו אים, קומט דער גוי צום הויז פון ר' שמעון יואב און וויל זיך דורכרעדן מיט אים, און אים אויך איבערבעטן וואס ער האט אים געטשעפעט און צוגענומען זיין פרנסה, ר' שמעון יואב פרעגט אים מה יום מיומים, וואס איז געשען אז דו ווילסט מיר איבערבעטן? האט דער גוי געענטפערט: איך בין א גלויביגער, און איך דארף יעצט פארן און מאכן א גרויסער געשעפט, און איך גלויב אז אויב דו וועסט מיר נאך פיינט האבן, וועל איך נישט קענען מצליח זיין, אבער אויב דו וועסט מיר יא מוחל זיין וועל איך יא מצליח זיין!

רופט זיך אן ר' שמעון יואב, און זאגט: איך בין גרייט צו הערן, און דער גוי דערציילט אז ער האט א ברודער וואס איז א גראף, און א גרויסע עושר אין א שטעטל אין רוסלאנד, און היות אז ער איז געווארן עלטער, און ער האט נישט קיין קינדער, האט ער מיר געשריבנא בריוו אז איך זאל אפגעבן מיין שענק דא און קומען צו אים, כדי איך זאל פירן זיינע געשעפטן דארטן, און אויב איך וועל טויגן צו דעם, וועט ער מיר אלעם איבערשרייבן אויף מיין נאמען, און איך וועל ווערן א גרויסער עושר, ממילאבעט איך דיר אז דו זאלסט מיר מוחל זיין!

דאס דערמאנען וועגן א גראף פון רוסלאנד האט זיך אויפגעוועקט ביי ר' שמעון יואב די מחשבה, אז דא קען ליגן די ישועה פאר די פרוי, פון הייליגן צאנזער רב, און ר' שמעון יואב שיקט נאך די פרוי און פרעגט איר ווי אזוי הייסט דער גראף און וועלכע שטעטל איז דיין קרעטשמע? און ווען זי האט אים געענטפערט, איז ר' שמעון יואב געגאנגען צום גוי, און אים געפרעגט די פרטים פון גוי, און ר' שמעון יואב האט געזען דעם יַד ה' פון די ישועה איז דא! ר' שמעון יואב האט געזאגט פארן גוי אז ער האט זיך איבערגערעכנט אז ער וועט אים מוחל זיין נאר מיט איין תנאי, און ער רופט אריין די פרוי און ער זאגט אז די פרוי האט א קרעטשמע שוין אסאך יארן אין דיין ברודער'ס שטעטל, און ער וויל זיי ארויסווארפן פון דארט, איך וועל דיר מוחל זיין מיטן גאנצן הארץ אויב דו גיסט די פרוי א כתב אז דו גייסט ערליידיגן אז די קרעטשמע וועט בלייבן ביי זיי!

דער גוי האט געזען אז עס איז א הימעלישע זאך, און ער האט צוגעזאגטצו דאס ערליידיגן און געשריבן א כתב. ר' שמעון יואב האט מוחל געווען דעם גוי, זיין שכן, און האט אים געזאגט, אז יעצט בין איך זיכער אז דורך דיין גוטע מעשה פון העלפן די פרוי, וועסטו זיכער טרעפן חֵן ביי דיין ברודער.

די פרוי האט געדאנקט ר' שמעון יואב און זי איז אהיים געפארן און געווארט אפאר טעג ביז דער גוי פון קראטשינקא איז אנגעקומען און ער האט ערליידיגט מיט זיין ברודער אז ער זאל מסכים זיין אז די קרעטשמע זאל בלייבן ביי די פרוי און איר מאן, דער גוי האט טאקע מצליח געווען און באקומען די שטעטל אויף זיין נאמען און האט שטארק מכבד געווען די בעלים פון קרעטשמע, דער ווייטער קוק פון צדיק האט געווירקט זיע"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה**

ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, ד' ספרים עם הרבה הגהות הגאון ר' ליפמאן ביליצער אב"ד אלטענדארף, אחיו של הגאון ר' עמרם ישי מסערענטש, וחמיו של הגאון ר' מרדכי שטראססער $2000, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800, ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז, ספר עדת יעקב מאדמו"ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר' אברהם פאם עם הקדשת המחבר $200, סעט עצי חיים מצב מפואר $800 אוהב ישראל אפטא דפו"ר $2800 א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מהגאון מראגאטשוב, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500

**Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש**

**הרחמן הוא יחזיר לנו את עבודת בית המקדש ונזכה לראות בנחמת עם ישראל**